# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# זקן ישראל כהלכתו
בענין
## גילוח וגידול הזקן
### דיניו ומנהגיו
בלשון הקודש ואידיש

**448**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזהי"ת

ספר

# זָקָן יִשְׂרָאֵל כְּהִלְכָתוֹ

## בענין גילוח וגידול הזקן

(חלק א)

הספר הזה אשר אני מגיש לפניכם היום הוא ריכוז מכל ספרי הפוסקים חדשים גם ישנים מראשון שבראשונים עד אחרון שבאחרונים, [בפרט מס' הנדמ"ח „הדרת פנים – זקן" אשר צלל במים אדירים והעלה פנינים יקרים במקצוע הלזו לא הניח מקום להתגדר, העמיק והרחיב כיד ד' הטובה עליו, ואשרי חלקו]. תמצית כל הנשנה בדבריהם בענין גילוח שער הזקן בין ע"י תער, בין במספריים, ובין בסם, ושאר אופני גילוח.

כל איסורים וצדדי חומר שנאמרו בנטילת הזקן, הן גוף האיסור של בל תשחית, והן איסורים חיצוניים כמו „לא ילבש גבר", „ובחוקותיהם לא תלכו", איסור „מראית עין", „מקור מנהג הגילוח" ו„חילוקי מנהגים בארצות שונות", ושאר ענינים המקיפים מקצוע הלזו, ועוד. הכל מסודר בסדר יפה ונעלה בלשון צח וקל כדי שירוץ הקורא בו, ובשעה קלה ירכוש המעיין בקיאות גדולה במקצוע גילוח הזקן המסובכת מאוד בספרי הפוסקים.

---


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

**הק' שלום יודא גראס**

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי" „מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"


בעהמח"ס: **אפיית המצות השלם** (י' חלקים); **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית); **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שו"ב); **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות); **מדריך לצניעות**; **מזוזת שלום** (על הל' מזוזה); **מנוחת שלום** (הדרכה לכשרות); **מנחת יהודה**, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"); **נפש ישעי** (על מאכלות אסורות, ה"ח); **קדושת ישראל** (על הלכות יחוד); **וש"ס**.

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.


– ברוקלין, יצ"ו • שנת תשל"ט –

– ההכנסה מוקדשת לטובת הישיבה והכולל –

כתובת המחבר:
Rabbi Sholom Y. Gross
4711 – 12$^{th}$ Ave. Apt. a-5
Brooklyn, N. Y. 11219
436-8086

דפוס אופסט „מוריה"
MORIAH OFFSET CO.
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

שאלים חדשים בהלכות החג

**רשימת ספרים חדשים ונכבדים**
**נחוצים לכל בית ישראל לימי הפסח**

דער ספר

# אפיית המצות השלם

**וואס אנטהאלט דריי חלקים.**

**אלע דינים פון שניידען די ווייץ ביז נאכען באקען און חלה נעמען, און אויך מנהגים פון די צדיקים ביים באקן מצות, מיט צענדליגע וויכטיגע ענינים וואס זענען נוגע צו מצות פסח· און אנדערע ענינים.**

און אויך דער ספר

# אכילת מצות בישראל

**וואס אנטהאלט זיבען חלקים.**

**א רייכער אוצר פון אלע דינים וואס געהערן צום עסן מצות פונעם סדר פסח ביינאכט ביז סוף יו"ט, און אויך אלע דינים פון געבראקטע מצה מיט צענדליגע וואונ־דערליכע מעשיות פון צדיקים וועגען פסח מיט א קלארן באריכט וועגען כשרות פון מעדיצינען פון פסח און א גאנץ יאר. ווי אויך א פולער קונטרס, א קיצור פון אלע אקטועלע הלכות פון פסח לויט דעם פסק דין פון הג' מהר"ם שטערן שליט"א אבדק"ק דעברעצין איז שוין דא צו באקומען ביי מוכרי ספרים און אויך ביים מחבר.**

**דער פרייז פון פסחדיגן סעט $9.50, דמי משלוח $1.50**

**RABBI S. J. GROSS**
**4711 - 12th Ave., Brooklyn, N.Y. 11219 — 436-8086**

# NEW FOR PESACH

**Two vital new books dealing with matters that every Jew must know on Pesach:**

**(The Baking of Matzos)**

**1. The general concept of eating kosher matzos, especially as developed in Gaonic and Chasidic sources.**
**2. An encyclopedic compilation of all the laws involved in baking matzos, from cutting the grain until the final steps.**
**3. Gaonic and Chasidic customs involving baking and preparing matzos.**

**ACHILAS MATZOS BE-YISROEL (Eating Matzos)**

The laws of eating matzos, from the Seder night until the end of Pesach. Also a discussion of eating wetted matzah (gebrokts). Many stories of Chasidic origin regarding matzos presented in a separate section. Another section discusses the questions of the kashruth of medicines on Pesach, as well as all year round (in English). The work concludes with a survey of all the pertinent laws of Pesach as taught by Rabbi Moshe Stern (the Debreciner Rav).

At all Jewish stores: $9.50 for the set. For mail order, add $1.50 for postage and handling.

RABBI S.J. GROSS (the Holminer Rav)
4711-12th Avenue, Brooklyn, N.Y. 11219
Tel: (212) 436-8086

## שואלים ודורשים בהלכות החג

**רשימת ספרים חדשים ונכבדים**
**נחוצים לכל בית ישראל לימי הפסח**

דער ספר

# אפיית המצות השלם

**וואס אנטהאלט דריי חלקים.**

אלע דינים פון שניידען די ווייץ ביז נאכען באקען און חלה נעמען, און אויך מנהגים פון די צדיקים ביים באקן מצות, מיט צענדליגע וויכטיגע ענינים וואס זענען נוגע צו מצות פסח און אנדערע ענינים.

און אויך דער ספר

# אכילת מצות בישראל

**וואס אנטהאלט זיבען חלקים.**

א רייכער אוצר פון אלע דינים וואס געהערן צום עסן מצות פונעם סדר פסח ביינאכט ביז סוף יו"ט, און אויך אלע דינים פון געבראקטע מצה מיט צענדליגע וואונ־דערליכע מעשיות פון צדיקים וועגן פסח מיט א קלארן באריכט וועגן כשרות פון מעדיצינען פון פסח און א גאנץ יאר. ווי אויך א פולער קונטרס, א קיצור פון אלע אקטועלע הלכות פון פסח לויט דעם פסק דין פון הג׳ מהר"ם שטערן שליט"א אבדק"ק דעברעצין איז שוין דא צו באקומען ביי מוכרי ספרים און אויך ביים מחבר.

**דער פרייז פון פסחדיגן סעט $9.50, דמי משלוח $1.50**

**RABBI S. J. GROSS**
**4711 - 12th Ave., Brooklyn, N.Y. 11219 — 436-8086**



# NEW FOR PESACH

**Two vital new books dealing with matters that every Jew must know on Pesach:**

**(The Baking of Matzos)**

**1. The general concept of eating kosher matzos, especially as developed in Gaonic and Chasidic sources.**

**2. An encyclopedic compilation of all the laws involved in baking matzos, from cutting the grain until the final steps.**

**3. Gaonic and Chasidic customs involving baking and preparing matzos.**

ACHILAS MATZOS BE-YISROEL (Eating Matzos)

The laws of eating matzos, from the Seder night until the end of Pesach. Also a discussion of eating wetted matzah (gebrokts). Many stories of Chasidic origin regarding matzos presented in a separate section. Another section discusses the questions of the kashruth of medicines on Pesach, as well as all year round (in English). The work concludes with a survey of all the pertinent laws of Pesach as taught by Rabbi Moshe Stern (the Debreciner Rav).

At all Jewish stores: $9.50 for the set. For mail order, add $1.50 for postage and handling.

RABBI S.J. GROSS (the Holminer Rav)
4711-12th Avenue, Brooklyn, N.Y. 11219
Tel: (212) 436-8086

ספר

# זָקָן ישראל כהלכתו

## בענין גילוח וגידול הזקן

# פרק א

א) דער ספר „הדרת פנים – זקן" (וואָס פאַרמאָגט קרוב צו 800 עמודים) רעכנט אויס בערך 120 פוסקים וואָס האַלטען אַז עס איז אַ איסור מן התורה אָפצושערן דעם באָרד אַפילו אָהנע גאָל מעסער נישט קיין חילוק אויב מען שערט אָדער מען נעמט עס אַראָפּ מיט סם (ע"ש ח"ב פ"ב עמוד תי"ג מונה והולך בבקיאות נפלאה רוב מנין ובנין של פוסקי הדורות מראשון שבראשונים עד אחרון שבאחרונים, מהם, רמב"ם עפ"י החינוך ורוב מפרשי הרמב"ם רבי' יהודה החסיד, יראים, שו"ת מן השמים, תוס', חינוך, ריטב"א, רא"ש, ספר המנהיג, רשב"א, מגדל עוז, טור, רבינו בחיי, תה"ד, רבינו ירוחם, ב"י, מהרש"ל, רמ"א האריז"ל, ב"ח, מעשה רוקח, מרכבת המשנה, נו"ב רעק"א, חת"ס, צ"צ, דברי מלכיאל, ראָגאַטשאָווער גאון, בני יששכר, מהרש"ם, דכ"ח ועוד).

ב) אפילו די אַנדערע פוסקים וואָס האַלטען אַז דער איסור איז נאָר ביי אַ גאָל מעסער, פינדעסטוועגן קומט אויס לויט רוב פוסקים פון אַמאָל און היינט אַז אַ עלעקטרישע שער-מאַשין (שעווער בלע"ז) וואָס מען ניצט היינט צום ראַזירען וואָס מאַכט גלאַט דעם פנים האָט דעם זעלבען דין ווי אַ גאָלמעסער, (כמבואר בס' הנ"ל ח"ב פ"א באורך נפלא בשם הפסקים והם, החפץ חיים בס' ליקוטי הלכות מכות כא, שו"ת צור יעקב להגאון מפראבוזנע, הגאון רבי חיים עוזר, חזו"א, מהר"י שטיף, הגה"ק מטשעבין, הגר"א קאטלער, שו"ת חלקת יעקב ח"ג, ויבל"ח שו"ת מנחת יצחק, הגאון רא"מ שך, הגאון רי"י קניבסקי, הגר"ש וואזנער, הגר"מ שטערנבוך, הגה"ק מקלויזענבורג, הגה"ק מפאפא, הגאב"ד דעברעצין, הגאבד"ק קאשוי, הגרש"ז אויערבאך ועוד), אַ פוסק וואָס זאָל בפירוש מתיר זיין דאָרט ווי דער פנים ווערט גלאַט איז בכלל נישטאָ (ע' בס' הנ"ל ח"א וח"ב באורך).

ג) אַ סאַך פוסקים אַסר'ן אפילו אַראָפּ צו נעמען דעם באָרד מיט סם (פאָדער) (תוספות, ריטב"א ושמ"ק נזיר נח: ב"ה יו"ד קפ"א, שו"ת שמש צדקה יו"ד ס"א, שו"ת חיים שאל ח"א סי' נ"ב, מגיד תעלומה ברכות י"א, מהרש"ם ח"ב רמ"ג, דר"ת שם לעוד כו"כ דעות מובא ב„הדרת פנים – זקן" ח"ב פ"ט).

ד) אַ סאַך פוסקים אַסר'ן אפילו מיט אַ שערעל אָדער פאָדער (סם) וועגן „לא ילבש גבר" (זוה"ק, תרגום יונתן, ראב"ן, ספר המנהיג, רבינו יונה, רא"ה, רשב"א, שבולי הלקט, מאירי, אבודרהם, אברבנאל, חכם צבי, סידור ר' יעקב עמדין, שו"ת צמח צדק, בני יששכר, מהרי"ל דיסקין, שדי חמד, חפץ חיים, ועוד מובא ב„הדרת פנים – זקן", וע"ש ח"ב פ"ג שמונה יותר מחמישים פוסקים ההולכים בשיטה זו לאסור הסרת זקן בתער, מספריים, סם, משום לא ילבש גבר).

ה) אַ סאַך פוסקים אַסר'ן אַראָפּצונעמען דעם באָרד צוליב חוקת הגוי, אַפילו מען שערט אָהנע גאָלמעסער, נאָר מיט סתם אַ שערל אָדער סם (פאָדער) (מהם מדרש רבה, אבן עזרא, ראב"ן, רקח, רא"ה, תה"ד, אברבנאל, ספורנו, כתר תורה, של"ה, ב"ח, סי' יעב"ץ, הפלא"ה,

שו"ת אמרי אש, צמח צדק, מנחת חינוך, הגה"ק מקאמארנא, שדי חמד, שו"ת מהרש"ם, חזו"א, ועוד סך הכל יותר מחמִשִים פוסקים – דבריהם הובאו בספר „הדרת פנים – זקן" ח"ב פ"ד).

ו) טייל פוסקים אַסר'ן דאָס שערן צוליב „מַראית העַין" מען וועט זיי חושד זיין אַז זיי האָבען געשאָרען מיט אַ גאָל מעסער (מובא בס' הנ"ל שכ"ה דעת הריטב"א, ב"ח, בית מאיר, יפה ללב, שדי חמד, סבא קדישא, מהרש"ם, חפץ חיים, דכ"ת, כלי חמדה, ועוד ע"ש, ספר הפ"ז ח"ב פ"ו עמוד תס"ב-תס"ו).

ז) טייל אַסר'ן צוליב דעם וואָס אויב אַ טייל שערן זיך מיט אַ שער, וועלען שוין אַנדערע גרינג האַלטען די גאַנצע זאַך און שערן אפילו מיט אַ גאָל מעסער (רבינו יהודה החסיד, דברי חכמים, מעשה רוקח על המשניות, שד"ח, שו"ת מהרש"ם, חפץ חיים, דכ"ת, שו"ת דברי מלכיאל, מהרי"ח זאָנענפעלד, רבי יוסף אליהו הענקין, ועוד פוסקים עי' ספר הנ"ל ח"ב פ"ה עמוד תמ"ו-תנ"א).

ח) דער חפץ חיים שרייבט אויך אַז מען זאָל זיך בכלל נישט שערען דעם באָרד [אפילו מיט אַ שערל], צוליב פאַרשידענע טעמים, ערשטנס די מקובלים שרייבען אַז מיט דעם רייסט מען אויס די הייליגע צנורות (עי' באה"ט קפ"א ה').

ט) נאָכמער, אַזוי ווי היינט פירן זיך אַ סאַך לײדער צו שערן מיט אַ גאָל מעסער און טוען צוברעכן דעם לאו פון דער תורה, איז דעריבער אַ געוואַלדיגע מצוה פאַרן כלל ישראל נישט אָנצורירען דעם באָרד אפילו מיט אַ שערל, צו ווייזן פאַר יעדן אַז די מצות וואָס השי"ת האָט באַפוילן דעם איד איז ביי אונז באַליבט און מיר שעמען זיך נישט דערמיט ח"ו, עכ"ד (ע"ש שהעיר מקור נחמד לזה ברכות י"א, לאחד שאומרים לו זקנך מגודל כו' עי' תוס' רבינו יהודה, ורשב"א, ותבין. וע"ע כעי"ז בשו"ת מנח"א ח"ג סי' ל"ח סוף קטע הראשון).

י) דער זוהר הקדוש שרייבט, ווײ פאַר דעם וואָס רירט צו דעם באָרד (אדרא רבה דף קל), (דברינו מוסב על כל אופני נטילת שערות זקן האפשרי).

יא) דער באָרד איז איינס פון די סימני טהרה פון אַ איד און די וואָס נעמען עס אַראָפּ טוען אָפּ פון זיך דעם סימן טהרה (עיין יעקב ע"ז ב:).

יב) כ' בס' יין המשומר דהלומדין ובני תורה מחטיאין הרבים דע"י שהם מקילים במספריים מגלחין המון העם גם בתער, ע"ש).

יג) תלמידי חכמים וואָס זיצן אין לערנען דאַרפן מער מחמיר זיין נישט אָפּצושערן די באָרד אינגאַנצן (שו"ת חת"ס חאו"ח סקנ"ט, מעשה רוקח שם, עי' הטעם במ"מ לאות הקודם).

יד) די מדינות וואָס מען איז מחמיר נישט אָפּצושערן די באָרד, טאָר מען נישט אַנדערש טוהן ווי זיי, און דער וואָס ציהט זיך אַריבער פון דאָרט וואוינען אין אַן אַנדער מדינה, טאָר אויך נישט (שלחן גבוה או"ח בכללי המנהגים בראש הספר או' קמ"ט, דכ"ת קפ"א יט, שו"ת דברי יוסף סי' ל"ו, חפץ חיים, שו"ת דברי מלכיאל שם).

טו) טייל פוסקים זענען מחמיר אַז דער וואָס האָט נישט קיין באָרד זאָל נישט זיין קיין שוחט (שו"ת חיים ביד הספרדי יור"ד סי' א', דף ט', דכ"ת סי' ב' ס"ק פ"ט, ע"ש).

טז) די אַלע וואָס דאַווענען נוסח האריז"ל, טאָרען נישט אָפּשערען די באָרד בשום אופן (שו"ת שמחה לאיש יו"ד סי' ל"ה והעיר מקורו בשו"ת השיב משה או"ח סי' ז', ועי' בספרי מנוחת שלום ח"ז מס' נפש ישעי' על מאכלות אסורות באריכות עיי"ש).

יז) דער חת"ס זצ"ל שרייבט: אַז ווען מען האָט אָנגעהויבן ביי די אידן אָפּשערן דעם באָרד האָט מען דאָס געטוהן געצווינגענערהייט. אין די צייטען וואָס אידן האָבען געליטן גרויסע צרות אין דייטשלאַנד בלאַ ניין הינדערט יאָר צוריק (גזירות תתנ"ו) האָבן די גדולים ערלויבט פאַר די וואָס טוען אַרומרייזן צו ענדערן זייער קליידונג, און

אָפּשערן זייער באָרד כדי די פיינט זאָלן זיי נישט דערקענען, ווייל דאַמאָלטס פלעגן די גוים שוין נישט האָבן קיין בערד צוליב אַ מעשה פון אַ פוילישן קעניג וואָס עס איז אים נישט געוואָקסן קיין באָרד (מלך פוילן – סריס), און כדי מען זאָל נישט דער־קענען די אידן וואָס פאָרן אַרום און זיי אויסטיילן צרות, האָבן די חכמים ערלויבט פאַר די רייזענדע אָפּצושערן די באָרד, דורכדעם איז אויסגעקומען אַז ווען די רייזענדע פלעגן אַהיימקומען האָבן זיי זיך געשעמט מיט זייער געטוישטע נייע צורה [אָהנע בערד], האָט מען צוביסלעך זיך איינגעפירט אינגאַנצן נישט צו לאָזן וואַקסן דעם באָרד, און נאָר תלמידי חכמים וואָס זיצן אינדערהיים האָבן געלאָזט וואַקסן די באָרד, די אַלע וואָס זענען אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד אויף פוילן פאַר די גזירה [דשנת תתנ״ו] האָבן נישט געמיזט צוקימען צו דעם היתר [און דעריבער איז אין דייטשלאַנד געווען איינגעפירט צו שערן דעם באָרד, און אין פוילן נישט], (שו״ת חת״ס או״ח סי׳ קנ״ט, ובעל התומים כ׳ באהבת יהונתן – ויקרא בזה״ל: והנה באשכנז נוהגין שמספרים הזקן שלהם וע״ז צווח הנביא כו׳, וע״ע שו״ת לבוש״מ מהד״ק יור״ד צ״ט, שו״ת בית שערים יור״ד רל״ו, שו״ת מנחת אלעזר ח״ב סי׳ מ״ח, שו״ת תירוש ויצהר סי׳ ס״ח, ס׳ קריה נאמנה בסוף הספר, חוברת וילקט יוסף, שנה שלישית – רביעית – שישית – שביעית – שמינית, המאסף שנה שביעית, ועי׳ ברד״ק שמואל ב׳ י׳ ה׳ וז״ל: לא הי׳ מנהגם לגלח הזקן ואפי׳ במספרים כו׳ וחרפה הוא גלוח הזקן, אלא שנהגו כן באלה הארצות אשר אנחנו שם, ע״כ).

[הערת המו״ל: פון די ווערטער פון חת״ס איז צו זעהן אַז דאָס גאַנצע באָרד שערן איז געווען באין ברירה, און מען האָט געמוזט אָנקומען צו אַ היתר פון די דאַמאָלסדיקע גדולים, און אפילו דאַמאָלטס האָבן זיך תלמידי חכמים נישט געשאָרן די באָרד, פאַר זיי האָט מען נישט מתיר געווען].

יח) דער חיד״א שרייבט עהנליך צו דעם, פאָלגענד, עס איז באַוואוסט אַז אין די צייטן פון תנאים, אמוראים, גאונים, פלעגט זיך קיינער נישט שערן דעם באָרד, נאָר דער מנהג האָט זיך געשאַפט אין אייראָפּע ביי די גוים צוליב אַ געוויסע סיבה, און אַזוי האָט זיך עס אַריבערגעצויגן צו די אידן, דורך די גוים מיט וועמען זיי האַנדלען, דעריבער אפילו מען קען טרעפן התירים, זאָל מען זיך נישט פאַרלאָזן דערויף נאָר בשעת הדחק און סכנה, און דאַמאָלטס דאַרף מען נאָך אויך כפרה (פאַרגעבונג) פון השי״ת. אָבער אָן דעם איז אַ איסור גמור אָפּצושערן דעם באָרד (שו״ת חיים שאל ח״ב סי׳ כ״ג – ברכ״י יור״ד קפ״א – עבודת הקדש, מורה באצבע סי׳ ד׳ או׳ קל״ה, יוסף אומץ סי׳ מ״ה).

הגה״צ מוהר״ר שאול בראך זצ״ל אבדק״ק קאשוי שרייבט אַז פון אברבנאל זעהט אויס אַז בערך 450 יאָר צוריק האָט זיך אויך נישט געפינען צווישן די ערליכע ווער עס שערט דעם באָרד אפילו מיט סם (אבות על בנים פ״ג מי״ג).

יט) הגאון חזון איש זצ״ל שרייבט וועגן שערן דעם באָרד אַז עס געפעלט אים שטאַרק נישט און ער נעמט דאָס אויף זייער שווער ווייל עס איז נישט קיין צניעות׳־דיקע אויפפירונג, און נישט אידיש, נאָר דאָס האָט מען זיך אויסגעלערנט פון די גוים, און מען באַרויבט מיט דעם די קדושה, אָבער אויב מען לאָזט איבער קורצע האָר איז נישט געפערליך (אגרות חזו״א ח״א קצ״ז).

כ) אין אַ צווייטן בריף שרייבט ער, איך בין קיינמאָל נישט צופרידן געווען מיטן אָפּשערן דעם באָרד אינגאַנצן זייענדיק צוגעוואוינט מיטן איסור נאָך פון פריערדיקן דור, וואָס עס איז געווען אַזוי האַרב ביי יעדן אַזוי ווי גיין אין גאַס אָהנע קאַפּל, און עס איז געווען באַטראַכט ביי יעדן אַזוי ווי אויסגעטוהן דעם אידישן לבוש, און כאָטש עס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אויך צווישן די תורה לערנערס איז דאָס נישט געענדערט געוואָרן צוליב דעם, דערפאַר בריהט מיך דער זאַך כו׳ (שם קצ״ח).

כא) דער וואָס נעמט אַראָפּ דעם באָרד האַלט ער אָפּ די חסדים פון השי"ת זיך צוצישפרייטן אויף די וועלט, (רקאנטי פ' קדושים, המקובל מהר"ן שפירא בספרו יין המשומר, הס' מובא גם בקיצור של"ה, ובש"א).

כב) דער ס' הקנה שרייבט, אַז אַ כהן וואָס האָט נישט קיין באָרד אפילו אויב ער איז הינדערט יאָר אַלט זאָל ער נישט דוכענען (דף כ"ח: וכ"כ הרדב"ז בספרו טעה"מ מ' ע"ח, אבן עזרא עה"כ לא יקרחו קרחה, אברבנאל ויקרא י"ט, ואודות המחבר הקדוש עי' שה"ג סוף מע' ס', ושד"ח כללי הפוסקים סט"ו, או' מ"ט, ובענין הכהנים עי' עוד שו"ת לבוש"מ ח"א מהדו"ת סי' כ', שו"ת מנח"י ח"ו סי' ט"ו).

כג) דער אבן עזרא שרייבט אַזוי ווי השי"ת האָט באַשאַפן די באָרד פאַר שיינקייט, פּאַסט נישט זי צו פאַרדאַרבן (אבן עזרא, ויקרא י"ט, פסוק כ"ו. וזה כעין טעם שכ' החינוך בטעם איסור זריעת כלאים, שלא לשנות בכוונת היוצר).

כד) דער ספר חסידים שרייבט מען זאָל זיך נישט אָפּשערן די באָרד אפילו אין צייט פון אַ סכנה (ס"ח סי' קצ"ח).

כה) די ספרים דערציילן אַ שוידערליכע פאַסירונג וואָס איז פאָרגעקומען אין די צייטן פון ר' יהודה החסיד, עס איז געווען אַ עשיר וואָס פלעגט זיך אָפּשערן זיין באָרד מיט אַ שער, ר' יהודה החסיד זצ"ל פלעגט אים בעטן ער זאָל אויפהערן, אָבער דער עשיר האָט זיך נישט געמאַכט צו טוהן דערפון זאָגנדיק אַז ער איז אַ מפונק און ער קען נישט פאַרטראָגן דעם באָרד, האָט ער אים געזאָגט זאָלסט וויסן אַז עס וועט דיר זיין ביטער ווייל נאָכן טויט וועלען קומען שדים וואָס זעהן אויס ווי קיען און טרעטן אויף דיין פנים (ומרומז בקרא **פאת ראשכם ולא תשחית**) ווייל דאָס איז דער שטראָף פון אַלע וואָס שערן די באָרד, ווען דער עשיר איז אַוועק פון דער וועלט האָט אים ר' יהודה החסיד לעבעדיק געמאַכט, און ער האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, און דערציילט אַז באַלד נאָכן שטאַרבן איז געקומען אַ שד וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קיה און געברענגט אַ כלי פוהל מיט פעך, שוועבל און זאַלץ, און אַריינגעלייגט אין דעם זיין נשמה, נאָכדעם האָט אים אַ מלאך אַרויפגעברענגט צום בית דין של מעלה, מען האָט געברענגט אַ חומש און געהייסן פאַרלייענען דעם פסוק „ולא תשחית את פאת זקנך" און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. באַלד נאָכדעם האָט מען אויסגערופן מען זאָל לייגען זיין נשמה ביים נידעריקסטן שטאַפּעל פון גיהנם כו', (המעשה מובא בס' יין המשומר להר"ן שפירא בלשון זה שהי' מגלח במספריים, ובס' שבט מוסר (פי"ח) בס' נוהג כצאן יוסף ה' גלות, שו"ת מנחת אלעזר ח"ב סי' מ"ח, מאיר נתיב ע"ס נתיב מצותיך פח"י או' לט, עמודי ארזים דף נט, „הדרת פנים – זקן" עמ' צ"ז, ותסמר שערות ראש אנוש, ובענין גירסת הקיצור של"ה עי' שו"ת מנח"א שם ובספר הפ"ז שם בהערה 130. ובכללות ענין העונשים ר"ל על הסרת הזקן אף בלא תער עי' ספר הפ"ז ח"ב פי"ג).

כו) און צוליב דעם וואָס דער שטראָף איז זייער גרויס דאַרף מען מחמיר זיין מיט אַלע חומרות (יוסף אומץ – דיני פאות).

כז) איינער פון די ראשונים האָט אָנגעפרעגט אין הימעל וועגן שערען די באָרד, האָט מען אים געענטפערט, אַז מען זאָל נישט אָפּשערן די באָרד אפילו מיט אַ שער, און צו די וואָס שערן יאָ זאָל מען פרעגן ווי איז ענקער באַשעפער און קעניג וואָס איר האָט פאַרגעסן מקיים צו זיין אַזאַ גרינגע מצוה (שו"ת מן השמים סי' ל"ו).

כז') טייל זאָגן אַז דער באָרד איז כדי יונגע זאָלן דערקענען אַלטע און דרך ארץ האָבען, און מען זאָל זיך דערמאָנען דורכען ווייסען באָרד תשובה צו טוהן (יתידות אהלים פ' נשא, מובא בספר הפ"ז).

כח) טייל זאָגן מען זאָל נישט אַראָפּנעמען דעם באָרד נישט מבטל צו זיין דעם

סימן וואָס השי"ת האָט געמאַכט ביי מענער אָפּצוטיילן פון פרויען, און דער וואָס טיט אַזוי טיט פאַרקערט פון רצון השי"ת (רבינו בחיי ויקרא י"ט, כ"ז, מאה שערים שער ס', שבט מוסר פ"א, ואברבנאל שם, יעב"ץ בחלון המצרי, וכ"כ באבודרהם בפרוש ברכת אשר יצר, והוסיף טעם מפני תואר הדרת פניו).

כט) טייל זאָגן אַז דער איסור איז ווייל עס נעמט אַוועק די שיינקייט פון פנים (ספורנו, אבודרהם שם, שבט מוסר פ"א, פמ"ג או"ח תקס"א, מלבי"ם שמואל ב' י' ד', שו"ת בית שערים יור"ד רל"ו, ובתורה תמימה ויקרא י"ט, כ"ז, כעי"ז דגילוח הזקן סימן לדאגה, עצבות וצער, וגידול הזקן הוא תענוג וכבוד, ע"ש. עי' בארוכה ספר הפ"ז ח"ב פי"ט).

ל) לויטן האר"י הקדוש ז"ל דאַרף מען געוואָרענט זיין נישט אָנצורירן די באָרד מיט די הענט כדי עס זאָל זיך נישט אויסרייסן אפילו איין האָר (עי' שעה"מ פ' קדושים, שו"ע האריז"ל דיני ער"ש הל' י"א, טעה"מ וליקו"ת פ' קדושים, שעה"כ י' ב', אור צדיקים סי' מ"ב, עי' שו"ת כתונות יוסף יור"ד סי' א', מאורי אור חלק באר שבע ט"ז א').

לא) דער וואָס נעמט אַראָפּ זיין באָרד זאָל מען נישט אויפריפן צי די ס"ת (מגלה עמוקות קדושים, שו"ת צור יעקב סי' ק', עי' דובב מישרים סי' כ"ג ובירושלים יש כמה בתי כנסיות שנוהגין כן, עמודי ארזים, עמ' שט"ו). עס וואָלטן זיך געדאַרפט צוזאַמענעמען אַלע גבאים פון די שולען מיט איין ציעהל נישט אויפריפען צו די תורה דער וואָס שערט זיך דעם באָרד, און אויב ער וויל קויפן זאָל מען אַרויפציען דעם פרייז ער זאָל נישט קענען קויפן (צוואה מחיים למהרח"פ דף ט"ו).

לב) דורך טראָגן אַ באָרד טיט מען ערוועקן די דרייצען מדות פון רחמים אויבען (בני יששכר חודש אלול מאמר ב', ב'). אַזוי האָבען מיר מקבל געווען ביז משה רבינו פון הקב"ה (שם).

לג) די גמרא זאָגט אַז פאַר משיח וועט קומען וועט זיין „פני הדור כפני הכלב" איז דער פשט אַז זיי וועלען זיך אָפּשערן די באָרד און איבערלאָזן די פאות און האָר העכערן מויל, דער זעלבער פאָרעם וואָס מען טרעפט ביי טמא'נע חיות און כלבים (הרמ"ז מובא בלב העברי ל"ד, ב').

הגה"צ מוהר"ר יהונתן זצ"ל שרייבט:

לד) עס איז אַ מצוה אויף יעדן צו לאָזן וואַקסן דעם באָרד אפילו אַ עם הארץ, נישט אַזוי ווי ביי אַנדערע חומרות און דיקדוקים וואָס נישט יעדער האָט אַ רעכט צו טוהן נאָר אויב ער איז אַ תלמיד חכם און איז געוואָרענט אין אַלע איסורים, דאָ איז אָבער אַ מצוה (נוהג כצאן יוסף ה' גילוח).

[אמר המו"ל: דברים המלהיבים הללו הם מכה בפטיש על קדקדי מלעיזים שאין מצוה זו כדאי רק למחמירים ופרושים, ולא לסתם עמא דארעא, כי הדברים הנ"ל מנגדים לדבריהם].

**לה) מערסטע פון די וואָס זיכען אַ היתר אָפּצושערן די באָרד איז דער אמונה ביי זיי אין האַרץ שוין אָפּגעשוואַכט, ווייל די אמת'דיגע ג-ט'ס פאַרכטיגע שערן אינגאַנצן נישט אָפּ זייער באָרד, נאָר גאָר ווייניג וואָס מיזן** (ס' אור המצות ח"ג מצוה מ"ד).

לו) די פוסקים שרייבן מען זאָל נישט לאָזן זיין אַ שוחט אָהנע באָרד (שו"ת חיים ביד סי' א', דכ"ת ב' פ"ט, שו"ת דרכי שלום ח"א ס"ג, י"א שדי חמד פאת שדה מע' ג', ס"א).

לז) טייל שרייבן אַז מען זאָל נישט לאָזן דאַווענען פאַרן עמוד די וואָס שערן אָפּ דעם באָרד (מנחת אהרן כלל י"ב או' כ', שו"ת חיים ביד סי' א', אלף המגן על מטה אפרים סי' תקפ"א ס"ק נ"א, כבוד חכמים עמ' קס"ט, דכ"ת יור"ד סי' ב', ס"ק פ"ט, בעל בני יששכר בס' מגיד

תעלומה ברכות דף י״א, שו״ת חיים ביד סי׳ א׳ למהרח״פ, בשו״ת שמחה לאיש שם העיר מקורו משו״ת השיב משה הנ״ל).

לח) אויב די זעהסט מענטשן מיט בערד אָרעמע-לייט זאָלסטו וויסן אַז השי״ת טוהט דאָס איינצוקאַסירען פאַר זייערע זינד, און אויב זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין בערד וואָלט אָרימקייט נישט גענוג געווען צו פאַרגעבן זייערע זינד (ישמח משה פ׳ אמור).

לט) דאָס קען יעדער קלוגער פאַרשטיין אַז צוליב דעם האָט זיך געשטאַרקט דאָס אפיקורסת און פילאָזאָפיע אין דייטשלאַנד ווייל זיי זענען אַריינגעפאַלען אין נעץ פון בעל דבר אָפצושערן דעם באָרד און דער אמת איז, לויט ווי די הייליגע ספרים שרייבען, אַז אפילו אַראָפּנעמען דעם באָרד וואָס מען מעג עפ״י דין איז אַ אויסער-געוויינליכע גרויסע פאַרכטיגע פגם השם ישמרנו, און עס איז נישטאָ וואָס עס זאָל **קענען אָפּשאַצען און באַגרייפען מיט זיין שכל דער מעכטיג גרויסע הייליגקייט וואָס שטעקט אינעם באָרד, דאָס זעלבע פאַרקערט קען מען נישט אָפּשאַצן די שטראָף פון פאַרדאַרבן אַזאַ הויכע הייליגקייט כו׳, דאָס גאַנצע אידישקייט איז אָפּהענגיק אין דעם,** ווייל דורך באָרד און פאות איז מען זוכה צו יראה, דורכדעם באַקומט מען פון אויבן הַשפעה פון חסדים, און דורכדעם דאַרף מען שוין נישט האָרעווען אויף די פרנסה, און מען קען זיין באַשעפטיגט מיט השי״ת דינסט אַ גאַנצן טאָג, און דאָס איז דאָך דאָס גלוסטונג פון איד צוצוקומען צו דעם, און דעריבער הענגט דאָס אידישקייט אויף די באָרד און פאות.

דורך באָרד און פאות ווערט דער איד דערקענט, און דער וואָס וויל ח״ו כופר זיין באלקי ישראל איז דאָס ערשטע ביי אים אַראָפּצוואַרפן באָרד און פאות.

ווייל אין דער אמת איז דאָס גאַנצע אידישקייט אָפּהענגיק אין די באָרד און פאות (כל הנ״ל מבואר בליקוטי הלכות להגה״ק מהר״ן הלכות גילוח הלכה ב׳, ג׳, ע״ש).

מ) דער פלא יועץ (ערך גילוח) שרייבט: עס איז ראוי פאַר יעדן ירא״ש זאָל נישט צורירען דעם באָרד נישט אויפן פנים און נישט ביים האַלז, ווייל ער ברענגט מיט דעם שלעכטס אויף זיך, און פאַרוואָס זאָל נישט יעדער זיך אַזוי פירן ווי דער האריז״ל? וואָס פאַר אַ פלאָג אָדער שאָדען האָט מען דערפון? פאַרוואָס זאָל מען נישט קוקען דעם כבוד פון השי״ת ביי אַזאַ קלייניקייט? ע״כ.

מא) אָפּשערן די באָרד ביי אַ אָנגעזעהענעם מענטש (אדם חשוב) איז פיל האַרבער און קען זיין פאַרעכענט אַלס חילול השם (שו״ת אמרי אש, יור״ד סי׳ נ״ה).

מב) די וואָס שערן זיך אָפּ דעם באָרד, ווייזען אַז זיי גליטשען אַראָפּ פון אידישקייט (שו״ת תירוש ויצהר סי׳ ס״ח בשם המלבי״ם, חפץ חיים בקו׳ תפארת אדם פ״ה, שו״ת דברי מלכיאל ח״ה סי׳ פ״א).

מג) דער סבא קדישא ר׳ שלמה אליעזר אלפאנדארי האָט נישט ערלויבט פאַר די אַלע וואָס האָבען נישט קיין בערד, איבערצוטרעטן די שוועל פון זיין שטוב, און די אַלע וואָס האָבען זיך דאָך אַריינגעשטיפּט האָט ער נישט געוואָלט אָנקוקן, און אַוודאי נישט רעדן מיט זיי אין לערנען (ס׳ עמודי ארזים להגה״ק מהריא״ז מרגליות דף נ״ב).

מד) עס איז בכלל אַ ענין מען זאָל נישט מזלזל זיין אין כבוד פון באָרד מיט אַנדערע זאַכן אויך נישט (עי׳ ערוה״ש קנ״א י׳, ומה שתמה על הר״י, שכיבד הריצפה לפני ארון הקדוש בזקנו כמבואר במ״א שם, אנו מתמהין על תמיהתו וכי הוא לגודל קדושתו לא ידע אם יש זלזול או לא, ונאמן עלינו הס״ח שכנים הדברים, וגם הוא הביאו למעלה, ואם הראשונים כמלאכים, אנו כאנשים, וכל לבבות דורש ד׳).

מה) למעשה דאַרף יעדער ערליכער איד זיך פירען לויט אונזערע הייליגע רבי׳ס, און לאָזען וואַקסען דעם באָרד (שו״ת לבוש״מ ח״א במפתחות ליור״ד סי׳ צ״ט).

מו) עס איז אַ גרויסע בושה אַז אַסאַך גוים לאָזען וואַקסען דעם באָרד און פינקט פאַר אידען וואָס זענען מצווה קומט דאָס אָהן אַזוי שווער, און אַ יישר כוח פאַר דעם וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט די פירצה, און ער זאָל זיך נישט מאַכען צו טוהן פון די וואָס קריגען מיט אים, און דאָס זאָגט דער נביא אַז מען דאַרף זיין אַזוי ווי אַ אייזערנע מויער קעגן די פריצים, און די בני תורה וואָס שטעלען זיך אַקעגן איז קענטיג אַז זיי האָבן נישט קיין יראת שמים כו׳.

און די אַלע וואָס טוען שוואַך מאַכען די הענט פון די וואָס ווילן שטאַרקן יסודות פון אידישקייט זענען זיי אין די קללה פון „ארור אשר לא יקים את דברי התורה״, דער וואָס שטאַרקט די תורה הקדושה איז אינעם כלל פון „ברך״ כו׳ (שו״ת דברי מלכיאל ח״ד סי׳ ס״ו).

מז) ווייטער שרייבט ער, אַז יעדער וואָס קוקט קלאָר קען זעהן אַז דאָס איז דער אָנהייב פון אַלע עבירות אין אונזערע מדינות און דער וואָס וויל אַראָפוואַרפן פון זיך דעם עול פון יראת שמים איז דאָס ערשטע ביי אים אָפצושערן דעם באָרד (ח״ה סי׳ פ״א).

מח) און אַזוי שרייבען אויך אַנדערע, אַז זאָפאַרט ווי מען נעמט אַראָפּ דעם באָרד פון פנים דאַמאָלטס קומט שוין אָהן גרינג צו באַגיין אַלע עבירות פון די תורה, אפילו חילול שבת, נישט לייגען קיין תפילין (שו״ת תירוש ויצהר סי׳ ס״ח בשם ס׳ עולם עשייה, חפץ חיים בקונטרס תפארת אדם, משך חכמה, שו״ת דברי מלכיאל ח״ה סי׳ פ״א).

מט) אין די צייטן פון הגה״ק ר׳ יחזקאל לאנדא זצ״ל בעהמח״ס שו״ת נודע ביהודה האָט איינער פורץ גדר געווען און זיך געשאָרען דעם באָרד, דער נודע ביהודה האָט אים שטאַרק גע׳מוסר׳ט ער זאָל דאָס מער נישט טוהן, ווייל אויסער זיין אייגענע עבירה, טראָגט ער אויף זיינע פלייצעס די עבירות פון אַנדערע וואָס טוען אים נאָך. דער מענטש האָט אָבער נישט געפאָלגט און קורץ דערנאָך איז ער אַוועק פון דער וועלט, וועלנדיג טראָגען דעם נפטר צו זיין אייביגען רוה האָט דער נודע ביהודה געשיקט אַ באַפעל צו די הויפט פון די חברה קדישא אַז זיי זאָלן וואַרטן מיט די לוי׳ וויאַלאַנג ער קומט אָהן.

דער נודע ביהודה איז אָנגעקומען און די לוי׳ האָט זיך אָנגעהויבן. ווען דער נפטר איז אָנגעקומען צום הויפט גאַס האָט ער געהייסען בלייבען שטיין, געשיקט רופען דעם שערער און געהייסן אָפשערן דעם באָרד וואָס איז אָנגעוואַקסן פאַרן נפטר אין די טעג פון זיין קראַנקהייט, כדי ער זאָל אָנקומען אין הימל אָהנע באָרד אַזוי ווי ער האָט זיך געפירט ביים לעבן, נאָכדעם איז דער נודע ביהודה זאָפאַרט אַהיים (ס׳ מופת הדור דף ט״ז ע״ב, מובא בשו״ת תירוש ויצהר סי׳ ס״ח).

נ) היינט איז דער דור ב״ה געבעסערט מיט נישט אַראָפּנעמען דעם באָרד, דאָרך דעם וואָס יעדער חסיד וואָס פאָרט צו אַ צדיק איז געוואָרענט אין דעם (ברית משה על הסמ״ג מצ׳ נ״ח, ועי׳ ס׳ „הדרת פנים – זקן״ עמ׳ רס״ט שהעתיק מכתבו של הגרז״ש דווארקין שליט״א בזה״ל, ידוע שצער גדול הצטער אותו צדיק החפץ חיים זצ״ל ע״ז שלא הי׳ יכול לפעול על תלמידיו בני ישיבתו (אף שהיו יראים ושלמים כידוע) שלא לספר זקנים. ובשנת עת״ר כשהי׳ אסיפת הרבנים הידוע בעיר המלוכה פעטערבורג שהשתתפו בה גדולי הדור ההוא כמו האדמו״ר מהרש״ב מליובאוויטש זצ״ל והחפץ חיים זצ״ל, ור׳ חיים בריסקער זצ״ל, שאל אז החפץ חיים את האדמו״ר מליובאוויטש האם יכול לגלות לו הסוד במה כחו גדול שהוא פעל על בני ישיבתו שאין מסתפרים זקנם. והשיב לו האדמו״ר זצ״ל שאצלם הוא בפשיטות וא״צ לדבר עמהם עד״ז, ע״כ).

נא) אין פולין איז אַרויס אַ גזירה אין יאָר תר"ו וואָס האָט גע'אַסר'ט פאַר די אידען צו טראָגען זיידענע בעקיטשעס, לאַנגע רעקלעך מיט קורצע הויזע"ן, און דער עיקר אַז מען טאָר נישט טראָגען באָרד און פאות, צוויי פון די גדולי הדור וואָס האָבען געוואוינט דאַמאָלטס אין פולין האָבען גע'פסק'ט אַז מען דאַרף זיך לאָזען הרג'נען און נישט פאָלגען, הגה"ק חי' הרי"ם זצ"ל און הגה"ק מהר"א מטשעכענאָוו זצ"ל.

נב) טייל פוסקים שרייבען אַז אַזוי ווי אַז אַזוי ווי היינטיגע צייטן וואָס עס איז ליידער נפרץ צו שערן דעם באָרד מיט אַ גאָל מעסער איז אַ גרויסע מצוה פאַר די שומרי תורה ומצות זיך מחזק זיין פאַרקערט און נישט אַראָפנעמען דעם באָרד, (פי' רבינו סעדי' גאון על דברי הש"ס ברכות י"א ע"א, וכ"פ רבינו חננאל, וכ"פ הערוך שם, תוס' ר' יהודא החסיד שם, חי' הרשב"א שם, דברי חכמים, החפץ חיים בקונטרס תפארת אדם בתחילתו, ובספר הפ"ז ח"ב פ"ה אות א' שמביא שם הרבה פוסקים שכ"כ עיי"ש).

נג) דער וואָס שערט דעם באָרד איז גורם אַז דער רוח הטומאה פון גוים זאָל זיך אָנבלעבן אין אים, (תורת אלף – להגה"ק משאפראן זצ"ל).

נד) דער חפץ חיים שרייבט: אַז טייל מענטשען שערן זיך ווייל זיי ווילן זיך אויספוצען און אויסצירען און דאָס ברענגט נאָכדעם אויך צום איסור פין עריות (בקונ' תפארת אדם פ"ו).

נה) טייל פוסקים אסר'ן צוליב דעם טעם פין ואל תטוש תורת אמך, (שו"ת דברי יוסף או' ב', ס' זקן אברהם מאמר ו' או' ז', שלחן גבוה או' א', מהר"א פלעקלעס בס' עולת חודש ח"ב דרוש א', עמ' טו, שו"ת חת"ס שם, שו"ת חיים ביד סי' ד', צ"צ סי' צ"ג, שד"ח שם, חפץ חיים שם, שו"ת דברי מלכיאל ח"ד סי' ס"ו, שו"ת קול מבשר ח"א סי' ח"י, עמודי ארזים דף ע"א, שו"ת חלקת יעקב עמ' שי"ח, ועוד הרבה דעות הובאו בספר הפ"ז ח"ב פ"ח).

# פרק ב

## קעמען דעם באָרד

מען מעג קעמען דעם באָרד, (כ"נ בשל"ה ענין דרך ארץ, ומט"א סי' תר"ו סק"ח, שו"ת כתונת יוסף יור"ד סי' א', ובס' יד נאמן דף י"ד, דיש קבלה עד האריז"ל דסריקה שרי ואדרבה טוב וישר לסרוק הזקן בכל יום [מובא בס' „הדרת פנים – זקן" עמ' תקט"ז], וכ"נ בשד"ח מע' ג, או' ע"ה, ובכה"ח סי' ז"ך או' י"ג, דטוב לעשות כן לכבוד שבת, וכן נהגו הגאון מוהר"ר נתן אדלער זצ"ל, והגאון מהר"ח סופר זצ"ל כמבואר בתולדות סופרים, וגם דעת חזון איש זצ"ל להתיר במסרק כמבואר בס' שם עמ' ש"ו). טייל זענען מחמיר, (בזכרונות אלי' ח"י מע' ז', דכפי פשט האריז"ל נ' דאסור, במט"א שם דאנשי מעשה נוהגין כן, במהר"י צמח בעהמ"ח נגיד ומצוה מגורי האריז"ל דאם ע"י סיבות יפיל השערות יותר אם לא יסרוק, וגם שנכרכות אלו עם אלו הגורם נפילתן העצה היעוצה לרחוץ הזקן הרבה ולתקן אח"כ במסרק מעט מעט השערות מובא בקונ' תוס' חיים הנספח לס' צוואה מחיים למהרח"פ. וע"ע נימוקי או"ח סי' עד"ר).

## אָנרירען דעם באָרד שבת

מען דאַרף זייער אַכטונג געבן נישט אָנצורירען דעם באָרד שבת כדי מען זאָל ח"ו נישט אַרויסרייסען אַ האָר. איינמאָל האָט פאַסירט אַז דער האר"י הק' האָט פאַרגעסן און אַריינגעשטעלט זיין האַנט אין באָרד שבת און מורא האָבענדיג טאָמער ווערט. ער אויסרייסען אַ האָר האָט ער נישט אַרויסגענומען זיין האַנט פון באָרד ביז מוצאי

שבת, (חסל"א סי' של"ט, כה"ח למהרח"פ סי' ל' או' מ"ח, צוואה מחיים או' נ"ט, כה"ח סי' ש"ג ס"ק קכ"ז, וסי' ש"מ סק"י, ע"ש).

## לייגען האָר פין באָרד אין אַ ספר

מען טאָר נישט אַריינלייגען קיין האָר פין באָרד אין ספרים, (שו"ת תורה לשמה לבעל בן איש חי סי' ש"ו, וס' מאורי אור מובא בליקו"מ ח"א סדר קביעות עתים לתורה – עמ' ק"ו, וליקו"מ שם, שו"ת בית ישראל (עדעלין) יור"ד סי' קל"ז) ערליכע אידען פלעגן זיך פירען אַז אַ האָר וואָס איז אַרויסגעפאַלן פין באָרד פלעגן זיי באַהאַלטן אין אַ ספר, (ס' עמודי ארזים עמוד ז', שו"ת תירוש ויצהר סי' ס"ח, ליקו"מ ובי"ש שם), אָבער נאָר זיי האָבען געמעגט, ווייל זיי פלעגן אינמיטן טאָג זייער אַכטונג געבן אויף די הייליגקייט פין באָרד עס זאָל זיך ח"ו נישט אויסרייסן אפילו איין האָר דעריבער האָט עס געהאַט אַ קדושה (עמודי ארזים שם, ליקו"מ שם), אָבער לויט טייל פוסקים אַז דאָס איז נאָר אַ היתר פאַר תלמידי חכמים וואָס רירען נישט אָהן דעם באָרד נאָר ביים לערנען, אויב עס פאַלט אַרויס ביים לערנען מעגן זיי עס אַריינלייגען אין דעם ספר וואָס זיי לערנען דערין (שו"ת בית ישראל שם), מען מעג עס אויך אַריינלייגען אין אַ ספר כדי צו האָבען אַ סימן ווי מען האַלט (שו"ת תורה לשמה שם, ובית ישראל שם).

## אַרויפדרייען דעם באָרד

די מענטשן וואָס האָבען אַ לאַנגע באָרד און זיי דרייען עס אַרויף כדי עס זאָל אויסזען קורץ טוען נישט גיט, (שו"ת תורה לשמה, סי' תמ"ז, ודברי מהרש"ב מליובאוויטש זצ"ל בספרו „תורת שלום" עמ' 74 ואילך).

## סגולות דורך די באָרד

הגה"ק ר' שלמה קאַרלינער זצ"ל האָט געגעבן אַ עצה פאַר איינעם וואָס האָט ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער ער זאָל לאָזען וואַקסען דעם באָרד, און עס האָט געהאָלפען בעזה"י, (ס' שמע שלמה חלק שלשלת היוחסין ד„ישרש יעקב" ג-לד).

דער וואָס האָט נישט קיין באָרד ווערט אָרעם און פאַרלירט די פרנסה, (זהר ח"ג קלא, ישמח משה פ' אמר, כה"ח סי' ר"ז או' י"ג למהרח"פ, עטרת ישועה דדיקוב פ' קדושים).

## אָפּשערן דעם שנאויל"ץ

די האָר איבער די ליפּען (היינו השפה שעל הפה) וואָס שטייט אַוועק און שטערט דאָס עסען מעג מען, (בשלחן גבוה כ' ג' טעמים להחמיר לגלח דוקא שפה שמעכב האכילה, א) דאותן המפרידין אותם השערות לצד ימין ולצד שמאל להדמות לגוים אנשי המלחמה הבריונים שמגדלים שער השפה בכה"ג, ב) דלא ימלט מאכילת בשר וחלב דאם אכל גבינה נשארו פתיתי גבינה בין השערות ויבא לאכלם עם בשר, ג) כפי חכמי הזוהר הק' באדרא רבה פ' נשא צריך שיהיו השפתים פנויים מכל צד מכל שער, ע"כ.

ועוד טעמים נשנו בזה: ד) דעפ"י האריז"ל צריך לבער השער מסביבות פיו בעת התפלה (מובא ביפה ללב ח"ה סי' קפ"א). ה) שקץ הוא ומטמאה המאכל, (יעב"ץ בסידור ה' ט"ב שער הדלק חלון ז' חלון המצרי – וע"ע בן איש ח"י בשו"ת תורה לשמה סי' ש"צ דאין שום חומרא וחסידות בזה כלל אלא גם החסידים עושין כן דבהדיא אי' בכתבי מהרח"ו זלה"ה כי רבינו האריז"ל בעצמו הי' קוצץ משער השפה מה שהי' מעכב האכילה, ומי לנו גדול ממנו בחסידות וכו' ע"ש. וראיתי בשו"ת שמחה לאיש יור"ד לה' שתמה מנין יהא המנהג להרבה חסידים ואנשי מעשה שמדקדקין לא לקצץ גם שפה המעכב, ע"ש שדח' מאד ליישב מטעם סלסול, והניח בצ"ע).

# פרק ג

## מסירות נפש נישט אָפּצושערן דעם באָרד

א) מען זאָל נישט אַראָפּנעמען דעם באָרד אפילו בשעת אַ סכנה, (ר' יהודה החסיד, שו"ת אמרי א"ש, חי' הרי"ם, הגאון הק' מהר"א אבדק"ק טשעכנאוו).

ב) די אידען אין מצרים זענען אויסגעלייזט געוואָרן צוליב מסירות נפש פאַרן באָרד (שער ישכר).

ג) די וואָס גייען געצווינגענערהייט אין מיליטער זאָלען אויך לאָזען וואַקסען דעם באָרד אפילו גוים אָדער אַנדערע רשעים וועלן שפּעטן פין אים צוליב דעם, און אפילו עס וועט אים ברענגען גרויסע געלד שאָדען (חפץ חיים בס' מחנה ישראל).

ד) אפילו מען זאָל זיין בלויז איינער אַליין אין אַ גאַנצע שטאָט אָדער מדינה מיט אַ באָרד זאָל מען אויך נישט צורירען צום באָרד (ר' זלמן סורוצקין).

ה) ווען אידען זענען פאַרטריבען געוואָרען פין ארץ ישראל אין די צייטען פין חורבן ביהמ"ק האָט מען זיי געסטראַשעט אַז אויב זיי נעמען נישט אַראָפּ די באָרד און פיאות נעמט מען זיי אַראָפּ דעם קאָפּ, און זיי האָבען נישט געהאָרכט און נישט געפאָלגט (מדרש רבה איכה פ"ה, עמודי ארזים).

ו) צדיקים האָבען געפּסק'ט ביי די גזירה אין פולי"ן קעגן בערד אַז מען דאַרף זיך לאָזען האַרגענען און נישט אָפּשערן דעם באָרד, (כ"כ בס' מאיר עיני הגולה שכ"פ בעל חי' הרי"ם והק' מהר"א מטשעכענאווי זצ"ל, ע"ש, ועי' לעיל פ"א אות נ"א באריכות).

ז) כתב בשדי חמד מע' למ"ד כלל קט"ז בסופו וז"ל: וכבר כ' הריטב"א שראוי לאסור מפני חשד הרואים ואף במספריים שלא כעין תער, כמ"ש הגאון צ"צ, ואין להורות צד היתר בזה"ז אלא למי שצריך לזה כו', על דא ודאי לן יאות למבכי או לדור שכך עלה בימיו, ואחד הרואה ואחד השומע כשופר ירים קולו להוכיח ע"ז, ולא יתיאש לומר כבר פשתה המספחת ולא יתנו אזן קשבת, חלילה לומר כן, וישראל קדושים אם יוכיחום יקבלו באהבה ואפי' אם רק נפש אחת מישראל נוכל להצילו מרדת שחת הרי לנו כאילו נקיים עולם מלא. ומעיד אני עלי שאחד מחכמי דורינו זה דרכו כל הימים להוכיח ע"ז במתק שפתים [שלא להסיר הזקן] ורבים השיב מעון זה, ד' יזכינו לזכות את הרבים לעשות נח"ר ליוצרינו יתברך שמו, עכ"ל שד"ח).

ת. ו. ש. ל. ב. ע.

**Institute for the Publication of Jewish Books and Material**

Under the Supervision of
**Yeshiva and Kollel**
**Bais Yeshaya of Brooklyn, N.Y.**

**Institute for the Study of the Laws of Ritual Slaughter and Inspection.**
Under the Direction of Rabbi Sholem Yehuda Gross of Holmin, author of numerous Seforim.

## A TREASURE IN A JEWISH HOUSE

| | |
|---|---|
| ☐ Nefesh Yeshaya | $9.25 |
| ☐ Responsa Zivchei Tzedek | $4.50 |
| ☐ Minchas Yehuda | $5.00 |
| ☐ Oholei Yisroel—Dvar Moshe | $4.75 |
| ☐ Afias Hamatzos Hasholem, Vol.1, 3 parts | $9.50 |
| ☐ Achilas Matzos B'Yisroel, 7 parts, Vol. 2 | $9.50 |
| ☐ Kol Yaakov | $1.00 |
| ☐ Kedushas Yisroel | $5.00 |
| Postage Fee | $1.00 |

Authors Note;
No sefer will be mailed abroad unless paid in advance;
No credit will be accepted.

Total Sum ________________

NAME ________________

ADDRESS ________________

COUNTRY ________________

ZIP CODE ________________

TELEPHONE ________________

For more information write or contact:
**Yeshiva and Kollel Bais Yeshaya**
4711—12th Avenue, Brooklyn, N.Y. 11219
TEL. 436-8086

**מכון להוצאת ספרי**
**יהודה וישראל**



שע"י ישיבה וכולל בית ישעי
"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"
בנשיאות הרה"ג מוהר"ר **שלום יודא גראס שליט"א**
אבדק"ק האלמין בעמ"ח ספרים רבים ונכבדים.

# בשורה טובה

**בקרוב יצא לאור ספרים חדשים הנצרכים מאוד לעולם התורני**

א) **קדושת ישראל** הלכות יחוד (מהדורא שניה).
ב) **מדריך לצניעות בישראל** כל עניני צניעות (מהדורה שניה).
ג) **נשואי ישראל כהלכתה** (כל הדינים הנצרכים לחתן משבת של קודם החתונה עד גמר שבעת ימי המשתה בלשון צח וקצר.
ד) **שולחן ישראל כהלכתה** כל דיני הכנסת אורחים.
ה) **מזוזת ישראל כהלכתה** (מהדורא שניה), מלוקט משו"ע עד אחרון שבאחרונים.

---

עדיין יש מספר מצומצם ספר: **אפיית המצות השלם** (כרך א' ג' חלקים), **אכילת מצות בישראל** (כרך ב' ז' חלקים), **נפש ישעי'** (על מאכלות אסורות) **שו"ת זבחו זבחי צדק** (על הלכות שחיטה ובדיקה) עם קונטרס **שמחת שלום** (על הלי חופה וחתונה), **מנחת יהודה** (על חומר איסור הסעמילאק וחלב עכו"ם) **אהלי ישראל** (הדרכות ליושבי באנגאלאוס), **מנוחת שלום** (הדרכות נפלאות להינצל ממאכלות אסורות)

---

היות עס געפינט זיך בא מיר עטליכע ספרים גרייט צום דרוק, און צוליב ענגשאפט פון געלט קען מען דאס נישט דרוקען. ע"כ בעטען מיר ווער עס איז פאראינטערעסירט אויסצוצאלען איינס פון די ספרים לזכות את הרבים, לע"נ די נאנטע פון זיין משפחה, און דער נאמען פון ספר וועט טראגען דעם נאמען פון די נשמה וואס מען וויל מאכען אן אנדענק , זאל זיך ווענדען צו דעם טלפון :
**.(212) 436-8086**